בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' בחוקותי

**כיתה ב' (א)**
**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**כיתה ב' (ב)**
**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** פון אנהייב 7 פסוקים.

**קריאה:** מיר האבן געגעבן צו ליינען די מעשה פון דעם **"אור החיים הקדוש"** די 42 פירושים אויף די פסוק 'אם בחוקותי תלכו'. (בייגעלייגט)
און אזוי אויך די גאנצע מעשה פון **"רבי שמעון בר יוחאי"** (בייגעלייגט)

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**ניגון:** מיר האבן געלערנט מיט די קינדער די ניגוני ל"ג בעומר פון אינעווייניג (בייגעלייגט)

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מנהגים און הלכות פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**באגריפן:** מעשר, עניני ל"ג בעומר.

**א גוט שבת**

**המלמד**

# חומש סעודה

# אינהאלט פון די וואך

## אם בחוקותי תלכו

דער אייבישטער האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט אפהיטן די תורה וועט זוכה זיין צו גרויסע ברכות, דער אייבישטער וועט געבן רעגן ביי די צייט, דאס מיינט שבת בייננאכט ווען מענטשן דרייען זיך נישט אין גאס, אז ס'זאל קענען וואקסן פיינע פירות, און אלעביימער אפילו די פוסטע ביימער וועלן ארויסגעבן גוטע פירות, און מ'וועט עסן ברויט צו זאט ווערן דאס מיינט אז אפילו מ'וועט עסן ווייניג וועט מען ווערן זאט, און ס'וועט זיין שלום, ס'וועט נישט זיין קיין מלחמה, און אפילו ווייניג אידן וועלן זיך קענען שטארקן אויף אסאך גוים.

## מצות מעשרות

עס איז א מצוה צו אפשיידן מעשר פון די פירות און פון די געלט, און די ווארט "מעשר" איז טייטש איינס פון צען, א צענטל.

עס איז דא אויך א מצוה פון "מעשר בהמה" דער מענטש זיצט ביי א שמאלן טיהר, כדי ס'זאל נישט קענען ארויסגיין צוויי בהמות אויף איינמאל, און אזוי גייען אריבער די בהמות איינס איינס, און ער ציילט ביז צען, און ווען די צענטע בהמה גייט אריבער מאכט ער אויף איהר א רויטן סימן אז דאס איז פאר מעשר.

## פסח שני

אין די צייטן ווען די בית המקדש איז געשטאנען איז אויך יעדער איד וואס איז טמא געווארן האט זיך געדארפט רייניגן מיט די אש פון די רויטע קוה, און פארדעם האט ער נישט געטארט ברענגען א קרבן אין בית המקדש, און ווען איינער איז טמא געווארן פאר פסח האט ער נישט געקענט ברענגען א קרבן פסח אדער איינער וואס איז געווען אין א ווייטע פלאץ און ער האט נישט געקענט אנקומען קיין ירושלים אויף פסח, זיי האבן געדארפט מקריב זיין פסח שני אין י"ד אייר, אבער דעמאלטס איז נישטא קיין איסור צו האלטן חמץ אין שטוב.

היינטיגע צייטן ווען אונז האמיר נישט קיין בית המקדש עסט מען מצות פסח שני, און ס'איז דא וואס פירן זיך צו אפרעכטן א סדר נאכט און מ'בעט פאר'ן באשעפער אז ער זאל אויפבויען דעם בית המקדש און מיר זאלן קענען מקריב זיין דעם קרבן פסח בב"א.

**ל"ג בעומר**

אין דעם טאג פאלט אויס די יארצייט פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.

דער רבי פון רבי שמעון בר יוחאי איז געווען דער תנא רבי עקיבא וועלכער ליגט אין די שטאט טבריה.

דער שווער פון רבי שמעון בר יוחאי איז געווען דער תנא רבי פנחס בן יאיר וועלכער ליגט אין די שטאט צפת.

דער זוהן פון רבי שמעון בר יוחאי איז געווען רבי אלעזר וועלכער ליגט נעבן זיין טאטן אין די מערה אין מירון.

די טאג וואס רבי שמעון בר יוחאי איז נפטר געווארן איז געווען ל"ג בעומר, אין דעם טאג איז אראפ געקומען א גרויסער פייער פון הימל און ס'האט ארומגענומען די גאנצע שטוב וואו רבי שמעון בר יוחאי האט געוואוינט.

אין די טאג פון זיין פטירה איז אראפ געקומען א גרויסע לעכטיגקייט פון שמחה אן קיין עק דורך די באהאלטענע סודות התורה וואס ער האט אנטפלעקט פאר זיינע תלמידים אינעם ספר הזוהר, און נאכדעם איז זיין נשמה ארויפגעגאנגען אין הימל.

עס ווערט דערציילט אז די שטאט מענטשן האבן נישט געוואוסט וואו צו באערדיגן רבי שמעון בר יוחאי, און פלוצלינג איז געשעהן א נס אז די בעט פון רבי שמעון בר יוחאי האט געשוועבט אין די לופט און ס'האט זיך אפגעשטעלט אין די דארף "מירון" און דעמאלטס האבן אלע פארשטאנען אז די ווילן פון רבי שמעון איז צו ווערן באערדיגט דארט.

**רבי שמעון אין די מערה**

אין די צייטן פון רבי שמעון בר יוחאי זענען אמאל געזיצן די חכמים צוזאמען אין "כרם יבנה", און דער תנא רבי יהודה האט געזאגט: "ווי שיין זענען די אלע זאכן וואס די רומיים האבן געמאכט, זיי האבן געבויט בריקן און אויפגעשטעלט גרויסע בנינים.

דער תנא רבי יוסי איז אויך געזיצן דארט, אבער ער האט גארנישט געזאגט.

אבער רבי שמעון בר יוחאי האט געענטפערט, אלעס וואס די רומיים האבן געמאכט האבן זיי געטוהן נאר פאר זיך, און זיי מיינען נישט די גוטס פון די אידן.

עס איז געווען דארט איינער מין נאמען "יהודה בן גרים"וואס האט עס פארציילט פאר איינעם ביז עס איז אנגעקומען צו די אויערן פון קייסער וואס רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט אויף זיי, און די רומיים האבן איהם געוואלט הרגענען און וועגן דעם איז רבי שמעון אנטלאפן מיט זיין זוהן רבי אלעזר און זיי האבן זיך באהאלטן אין א מערה אין כפר פקיעין און זיי האבן זיך דארט באהאלטן

ס'איז געשעהן א נס און ס'איז פאר זיי ארויס געוואקסן א בוים פון באקסער מיט א קוואל וואסער אז זיי זאלן האבן וואס צו עסן און צו טרינקען זייענדיג אין מערה.

און אזוי זענען זיי געווען דארט צוועלעף יאר נאכאנאנד און זיי האבן געלערנט תורה מיט מסירות נפש, און קיינער האט נישט געוואוסט אוואו זיי באהאלטן זיך, נאר אליהו הנביא וואס ער פלעגט קומען אין מערה און לערנען מיט זיי די סודות התורה.

ווען דער קעניג פון רוים איז געשטארבן איז בטל געווארן די גזירה פון רבי שמעון בר יוחאי איז אליהו הנביא געקומען פארציילן פאר רבי שמעון בר יוחאי אז ער קען ארויס גיין פון די מערה.

ווען זיי זענען ארויס געגאנגען פון די מערה האבן זיי געזעהן ווי אזוי מענטשן ארבעטן, און פון גרויס הייליגקייט האבן זיי נישט געקענט אויסהאלטן צו זעהן ווי אזוי מענטשן באשעפטיגן זיך מיט מיט די נארישקייטן פון די וועלט אנשטאט צו לערנען די הייליגע תורה, און די גמרא פארציילט, אז יעדע פלאץ וואו זיי האבן געקוקט איז גלייך פאברענט געווארן.

איז ארויס געקומען א בת קול פון הימל און געזאגט: "ענק זענען ארויסגעקומען פון מערה צו חרוב מאכן די וועלט? גייט שוין צוריק צו די מערה!".

און זיי זענען צוריק געגאנגען צו די מערה און זיי זענען געווען דארט נאך איין יאר, נאכדעם איז ארויס א קול פון הימל "ענק קענען ארויסגיין פון די מערה".

עס איז דעמאלטס געווען ערב שבת, און גייענדיג אויפן וועג האבן זיי באגעגנט א עלטערער מענטש וואס האט געהאלטן אין האנט צוויי הדסים, האבן זיי האבן געפרעגט פארוואס דארפסטו האבן די הדסים? האט ער געענטפערט אז ער דארף עס האבן לכבוד שבת קודש, איינס אקעגן "זכור" את יום השבת לקדשו, און איינס אקעגן "שמור" את יום השבת לקדשו, האט רבי שמעון בר יוחאי געזאגט: "קוק ווי שטארק די האבן ליב די מצוות".

רבי שמעון בר יוחאי'ס כח אין הימל איז געווען געוואלדיג גרויס און מ'האט געזעהן ביי איהם די ענין פון "צדיק גוזר והקב"ה מקיים", [אויך נאך וואס ער איז נפטר געווארן זענען אסאך מענטשן וואס זענען געקומען קיין מירון געהאלפן געווארן מיט אלע ישועות, מיר האבן פארציילט די מעשה פון די אינגעלע וואס מ'האט איהם געמאכט חאלאקע אין מירון און אינמיטן האט ער געחאלישט און ס'איז געקומען הצלה און מ'האט געזאגט אז דער אינגעלע איז ל"ע נפטר געווארן, און די מאמע האט אנגעהויבן זייער שטארק צו וויינען און זי האט געזאגט "הייליגער צדיק מיר זענען געקומען ספעציעל קיין מירון זיך צו פרייען אין די טאג פון ל"ג בעומר ווי אזוי קען געשעהן אזא אומגליק", און ס'איז געשעהן א נס און פלוצלינג האט דער קינד געעפנט די אויגן און אנגעהויבן צו רעדן און אלע האבן געזעהן די גרויסע נס וואס איז געשעהן אין זכות פונעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי].

## מנהגי היום

- מ'מעג מאכן א חתונה אין ל"ג בעומר, און מ'מעג זיך אויך אפשערן, אפילו ס'איז נאך אין די ספירה טעג, און די מענטשן וואס פירן זיך אז מ'טוט נישט אן קיין נייע קליידער אין די ספירה טעג מעגן אנטוהן נייע קליידער אין ל"ג בעומר.
- מ'פירט זיך ארויף צוגיין צו די קבר פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון און מתפלל זיין ביי זיין ציון צו געהאלפן ווערן מיט ישועות און נחמות פאר כלל ישראל.
- מ'פירט זיך אנצוצינדן אין דעם טאג אסאך ליכט.
- ל"ג בעומר ביינאכט צינדט מען אן א גרויסע פייער ביי די קבר פון רבי שמעון בר יוחאי, און אויך אין אלע שטעט צינדט מען אן א גרויסע פייער נעבן די בית מדרש, כדי צו ווייזן אז אזויווי א פייער פארשפרייט ליכטיגקייט אזוי אויך רבי שמעון בר יוחאי האט באלויכטן די גאנצע וועלט מיט זיין תורה.
- נאכדעם זינגט מען די ניגון "בר יוחאי" וואס איז אנגענומען געווארן איבעראל, און מ'טאנצן און מ'זינגט לכבוד דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי.
- אזוי אויך זינגט מען די ניגון "ואמרתם כה לחי", און די ניגון "אמר רבי עקיבא" לכבוד דער הייליגער תנא רבי עקיבא וועלכער איז געווען דער רבי פון רבי שמעון בר יוחאי.
- אין אסאך פלעצער פירט מען זיך פארשידערע מנהגים אין די טאג פון ל"ג בעומר לכבוד דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי, מ'לערנט די הייליגע ספר הזוהר און מ'זונגט פארשידענע ניגונים און מ'צינדט אן ליכט לכבוד דעם גרויסן טאג.
- אין דעם טאג פירט מען זיך צו אפשערן די האר פון די קליינע קינדער וואס זענען געווארן דריי יאר און מ'מאכט זיי פיאות.
- אויך פירט מען זיך אין דעם טאג זיך צו שפילן מיט א פייל און בויגן, ווייל אין די צייטן פון רבי שמעון בר יוחאי האט מען קיינמאל נישט געזעהן קיין צורה פון א פיילן בויגן אויפן הימל וואס דאס איז א צייכן וואס דער אייבישטער האט צוגעזאגט אז ער וועט נישט ברענגען קיין מבול אויף די וועלט, אבער אין די צייטן פון רבי שמעון בר יוחאי האט מען נישט געדארפט ווייזן דעם סימן פון הימל ווייל זיין זכות איז געווען אזוי גרויס אז עס האט באשיצט אויף די גאנצע וועלט אז מ'זאל נישט געשטראפט ווערן דעריבער האט מען קיינמאל נישט געדארפט א צייכן פון א פיילן בויג, אבער יעצט ווען דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז שוין נפטר געווארן האבן מיר אונז שוין מורא אז ווען נישט די צייכן פון די פיילן בויגן וואס דער אייבישטער האט אונז צוגעזאגט וואלט שוין די וועלט שוין לאנג חרוב געווארן צוליב די עבירות פונעם דור.

## די גרויסע יומא דהילולא

"יומא דהילולא", מיינט א טאג פון פרייד, וואס איז דער טעם אז אין דעם טאג פארמערט מען זיך צו פרייען.

א. עס ווערט געברענגט אז אין די טעג פון ספירה זענען געשטארבן די תלמידים פון די הייליגע תנא רבי עקיבא, דעריבער פירט מען זיך צו טרויערן אין די טעג, מ'מאכט נישט קיין חתונות או מ'שערט זיך נישט אפ, א.א.וו.

ב. אין די טאג וואס רבי שמעון בר יוחאי איז נפטר געווארן האבן די תלמידים פון רבי עקיבא אויפגעהערט צו שטארבן, צוליב דעם פריידט מען זיך אין דעם טאג.

ג. נאך א טעם איז דא פארוואס מ'פריידט זיך ל"ג בעומר, ווייל רבי שמעון בר יוחאי איז טאקע נפטר געווארן אבער ער האט איבערגעלאזט זיין הייליגן ספר הזוהר וואס נאר גרויסע צדיקים האבן די זכיה צו פארשטיין וואס ס'שטייט דארט גאר באהאלטענע זאכן סודות התורה.

ד. אין די טאג אין די טאג פון זיין פטירה איז אראפ געקומען א גרויסע לעכטיגקייט פון שמחה אן קיין עק דורך די באהאלטענע סודות התורה וואס ער האט אנטפלעקט פאר זיינע תלמידים אינעם ספר הזוהר, און נאכדעם איז זיין נשמה ארויפגעגאנגען אין הימל.

## שכר אויף די וועלט

איינע פון די תלמידים פון רבי שמעון בר יוחאי איז ארויס געפארן פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ און נאך וואס ער איז געוועז דארט אסאך צייט איז ער צוריק געקומען מיט אסאך געלט ער איז געווארן דארט א גרויסער עושר.

די תלמידים וואס האבן געזעהן זיין רייכקייט האבן איהם זייער מקנא געווען און זיי האבן אויך געוואלט ארויסגיין קיין חוץ לארץ, ווען רבי שמעון בר יוחאי איז געוואר געווארן דערפון האט ער זיי גענומען צו א גרויסע טאל, און רבי שמעון בר יוחאי האט געזאגט: "טאל טאל, פיל זיך אן פיל מיט גאלדענע רענדלעך!", גלייך האט אנגעהויבן ארויסצוקומען פיל מיט גאלדענע רענדלעך און די גאנצע טאל איז געווארן פיל מיט גאלדענע רענדלעך.

אצינד - זאגט זיי רבי שמעון בר יוחאי - ווער ס'וויל רייך ווערן קען נעמען וויפיל גאלדענע רענדלעך ער וויל, אבער וויסן זאלט איר, ווער ס'נעמט יעצט, וועט איהם פעלן פון זיי חלק אויף יענע וועלט, ווייל מ'באצאלט נישט קיין שכר נאר אויף יענע וועלט, פון דעמאלטס האבן שוין די תלמידים מער נישט געוואלט רייך ווערן, נאר זיי האבן געוואלט ווייטער האבן זייער חלק אין עולם הבא.

**<u>מצוה לשמה</u>**

מיר האבן דערציילט די מעשה אז איינמאל ראש השנה בייננאכט האט דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי געזעהן אין חלום אז זיינע שוועסטער קינדער וועלן שאדן האבן אסאך געלט און זיי וועלן דארפן באצאלן פאר די מלכות 600 דינרים.

האט רבי שמעון בר יוחאי זיי גערופן און ער האט זיי געבעטן זיי זאלן איהם געבן א גרויסע סומע געלט פאר צדקה, און ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן אויפשרייבן אלע געלטער פון צדקה וואס זיי וועלן אויסגעבן די יאר.

ווען עס איז שוין געווען ביים סוף יאר האט איינער זיי גע'מסר'ט פאר די מלכות און מ'האט זיי געהייסן אז זיי זאלן באצאלן קנס 600 דינרים.

ווען זיי האבן נישט געוואלט באצאלן האט מען זיי געלייגט אין תפיסה, ווען רבי שמעון בר יוחאי איז געוואר געווארן דערפון איז ער זיי געגאנגען באזוכן אין תפיסה און ער האט זיי געפרעגט וויפיל געלט זיי האבן אויסגעגעבן פאר צדקה במשך די יאר, האבן זיי ארויסגענומען דעם ביכל וואו זיי האבן אויפגעשריבן אלע געלט וואס זיי האבן געגעבן פאר צדקה, און מ'האט געזעהן אז זיי האבן געגעבן אסאך צדקה נאר עס האט געפעלט 6 דינרים כדי צו צוקומען צו די סכום פון 600 דינרים.

האט זיי רבי שמעון בר יוחאי געזאגט, געבט'ס מיר 6 דינרים און איך וועל ענק ארויס נעמען פון תפיסה, האבן זיי געפרעגט, די מלכות בעט פון אונז 600 דינרים און דו זאגסט נאר 6 דינרים? האט זיי רבי שמעון געזאגט, געבט'ס מיר 6 דינרים און ענק וועלן זעהן אז ס'וועט זיין גוט.

האבן זיי איהם געגעבן 6 דינרים, און רבי שמעון בר יוחאי איז געגאנגען און ער האט עס געגעבן פאר די שליח פון די מלך און ער האט איהם געבעטן אז ער זאל נישט פארציילן פאר די מלך גארנישט און ער האט זיי ארויס גענומען פון תפיסה.

נאך וואס זיי זענען ארויסגעגאנגען פון תפיסה האבן זיי געפרעגט זייער פעטער רבי משעון בר יוחאי:

"אויב האסטו געוואוסט אז עס איז דא א גזירה פון הימל אז ס'זאל פעלן פון אונז די יאר 600 דינרים, אויב אזוי, פארוואס האסטו אונז נישט פארציילט, און מיר וואלטן געגעבן די גאנצע 600 דינרים און מיר וואלטן נישט געדארפט זיצן אין תפיסה?".

האט זיי רבי שמעון בר יוחאי געענטפערט, "אויב איך וואלט ענק אויסגעזאגט דעם סוד, דעמאלטס וואלטן ענק נישט געגעבן די צדקה לשמה, ווייל מ'דארף געבן צדקה, נאר ענק וואלטן עס געגעבן ווייל ענק האבן געוואלט ניצול ווערן פון די רשעים, און די מצוה וועט נישט זיין בשלימות, דעריבער האבן איך ענק נישט פארציילט און אזוי האבן ענק געגעבן צדקה לשמה ווייל דער אייבישטער האט אזוי געהייסן.

# פניני השבת (ג)

**<u>א זכר צו די צייט וואס דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט</u>**

דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג און אין די זיבעטע טאג האט ער גערוהט, דעריבער האט דער אייבישטער געהייסן אז אלע אידן דארפן רוהען שבת און מ'טאר נישט מאכן קיין שום ארבעט.

**<u>די הייליגקייט פונעם שבת</u>**

די שבת איז נישט נאר א טאג פון זיך אפרוהען, נאר דער שבת איז א הייליגע טאג פון ווען ס'קומט אריין ביז ווען ס'גייט ארויס, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק "על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו".

**<u>א גוטע מתנה</u>**

דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו: "איך האב א גוטע מתנה אין מיינע אוצרות, די מתנה הייסט 'שבת', און איך וויל געבן די מתנה פאר די אידישע קינדער, גיי און זיי מודיע פאר די אידן אז איך וויל זיי געבן דעם שבת די גרויסע מתנה".

**<u>די ערשטע מצוה</u>**

די ערשטע מצוה וואס די אידן האבן אפגעהיטן איז געווען די מצוה פון שבת, ווען די זענען נאך געווען אין מצרים האבן זיי שוין אפגעהיטן דעם שבת.

**<u>מקור הברכה</u>**

דער שבת איז די מקור פון אלע ברכות און ישועות, אלע גוטע השפעות ווערט נשפע פונעם הייליגן שבת.

**<u>רעדן אין שבת</u>**

מ'טאר נישט רעדן אין שבת וואכעדיגע זאכן, למשל, מ'טאר נישט זאגן: "איך גיי פארן זונטיג", אדער "איך גיי עפעס קויפן מאנטיג".

**"שבת" איז ראשי תיבות שבת ביצה תאכל**

# ה. הדש



נאך וואס די ווייץ איז שוין געשניטן טרעט מען אויף דעם כדי די שאלעכטץ זאל אראפ פאלן פון די קערעלעך ווייץ.

און די זעלבע זאך טאר מען נישט אויסקוועטשן קיין פירות כדי צו מאכן מיץ.

און אזוי אויך טאר מען נישט אויסקוועטשן א טישטעך אדער א האנטעך וואס איז נאס געווארן פון וואסער.

# ו. הזורה



נאך וואס מ'האט שוין אפגעטיילט די שאלעכטץ פון די קערעלעך ווייץ דורכ'ן טרעטן, לייגט מען עס ארויף אויף א ווינט-שויבל און מ'בלאזט אראפ די קערעלעך מיט די שמיץ כדי דאס אפצוטיילן, די קערעלעך וואס איז שווער בלייבט אונטן, און די שאלעכטץ וואס איז גרינג פליט אוועק.

# שאלות מיט תשובות

**א. וואס האט דער אייבישטער צוגעזאגט אויב מ'וועט היטן די תורה?**

אז ער וועט געבן רעגן ביי די צייט דאס איז שבת ביינאכט ווען מענטשן דרייען זיך נישט אין גאס.

**ב. וויפיל ברויט וועט מען דארפן עסן כדי צו ווערן זאט?**

אפילו אויב מ'וועט עסן ווייניג וועט מען זאט ווערן.

**ג. וואס נאך וועט דער אייבישטער בענטשן די אידן אויב מ'וועט היטן די תורה?**

אז אפילו ווייניג ווען קענען געווינען אסאך גוים.

**ד. וואס איז די מצוה פון מעשר?**

אז יעדע זאך וואס א מענטש האט דארף ער אפשיידן א צענטל פאר מעשר, סיי ביי פירות, און סיי ביי געלט, און אויך ביי בהמות דארף מען אראפנעמען א צענטל וואס דאס איז מעשר בהמה.

**ה. ווער ברענגט א קרבן פסח אין פסח שני?**

איינער וואס איז געווען טמא אדער איינער וואס איז געווען אין א ווייטע פלאץ און האבן נישט געקענט מקריב געווען קייחן קרבן פסח, זיי דארפן ברענגען א קרבן פסח אין פסח שני י"ד אייר.

**ו. פסח שני דארף מען אויך פארברענען די חמץ?**

ניין, מ'עסט מצה אבער עס מעג זיין חמץ אין שטוב.

**ז. ווען איז די יארצייט פון רבי שמעון בר יוחאי ?**

ל"ג בעומר.

**ח. ווער איז געווען זיין רבי ?**

רבי עקיבא.

**ט. וואו איז ער בארדיגט ?**

אין מירון.

**י. וואספארא ספר האט ער געמאכט ?**

ספר הזוהר.

**יא. וואס מאכט מען ל"ג בעומר פאר די קינדער וואס ווערן דריי יאר ?**

פיאות, ס'איז דא וואס פירן זיך צו מאכן די פיאות אין מירון ביים קבר פון רבי שמעון בר יוחאי.

**יב. פארוואס שפילט מען זיך ל"ג בעומר מיט א קשת ?**

ווייל ווען רבי שמעון בר יוחאי האט געלעבט איז קיינמאל נישט געווען קיין רעגן בויגן.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ______________________ ני"ו**

**חומש:** ______________________

**סיפר פרשת השבוע:** ______________________

**שירים:** ______________________

**נושא השבוע:** ______________________

**ברכת המזון:** ______________________

**התנהגות כללית:** ______________________

**קר"ש שעל המיטה:** ______________________

**התפלל:** ______________________

**הערות:** ______________________

**חתימת ההורים** ______________________

- ביטע צוריק שיקן זונטיג די מעשה ביכל -

די קינדער זאלן ברענגען א **חומש במדבר** מאירת עינים